גוט שבת אלע אידן. דער מעשה איז געשען מיט בערך 10 יאר צוריק. ר׳ משה פרידמאן (זיין עכטע נאמען) האט געוואוינט דעמאלט אין ארץ ישראל. נעבאך איז איינער פון די איינוואוינער אין זיין שטאט געווארן נישט געזונט, ל״ע, און דער חולה האט געדארפט פארן קיין אמעריקע צו מאכן אן אפעראציע אויף זיין מח. דער חולה האט ליידער נישט געהאט קיין קרובים וואס האבן געקענט אים באגלייטן. וויבאלד אז ר׳ משה איז געווען א געטרייער בעל חסד, האבן די רבנים פון יענעם שטאט געהייסן אז ער זאל באגלייטן דעם חולה קיים אמעריקע.

די אפעראציע האט געדארפט זיין מאנטאג אינדערפרי. ערב שבת האבן ר׳ משה מיט דעם חולה שוין אריינגעטשעקט אים דעם שפיטאל, וואס איז אין וואשינגטאן הייטס, ניו יארק. מען האט געדארפט מאכן פארשידינע בדיקות אויפן חולה. נאכדעם וואס מען האט געענדיגט עטליכע בדיקות, האט דער דאקטאר געזאגט פאר ר׳ משה, אז ער מוז אכטונג געבן אז דער חולה זאל בלייבן שטיל אין בעט און נישט רירן פאר 24 שעה, ווייל דער חולה איז נעבאך געווען א חולה מסוכן.

ר׳ משה האט געפלאנט צו עסן די שבת סעודות ביי א געוויסער משפחה אין די געגענט פונעם שפיטאל, אבער ווען ער האט געהערט די שטרענגע ווערטער פונעם דאקטאר, האט ער מורא געהאט צו פארלאזן דעם חולה אליינס אינעם שפיטאל דורך שבת קודש. וועגן דעם איז ער געגאנגען איינצוקויפן פאר שבת כדי ער זאל קענען בלייבן אין שפיטאל שבת קודש.

בשעת ר׳ משה האט געהאלטן אין מיטן מאכן קידוש פרייטאג צונאכטס, זענען פלוצלינג אריינגעקומען צוויי מענטשן וואס האבן געוואלט נעמען דעם חולה צו נעמען רענטגען–שטראלן (עקס רעיס.) ר׳ משה האט זיי געזאגט אז דער דאקטאר האט געהייסן אז דער חולה זאל זיך נישט רירן. די צוויי מענטשן האבן אבער געמאכט נישט וויסענדיג בשעת זיי האבן ארויסגענומען דעם חולה, און ר׳ משה האט זיך זיי נישט געקענט קעגנשטעלן.

ווען ר׳ משה האט געווארט אויף דעם חולה, האט ער געזען אז נעבאך אנדערע חולים האבן אויך געווארט אריינצוגיין. עס איז געווען דארט אן אלטע נישט געזונטע פרוי וואס איז געווען אליינס. זי האט געוויזן פאר ר׳ משה אז ער זאל קומען נענטער. ווען ר׳ משה איז געקומען לעבן איר, האט ער געזען אז זי פרובירט צו זאגן עפעס. וויבאלד אז זי איז געווען אזוי שוואך, האט ר׳ משה נישט געקענט הערן וואס זי רעדט. ר׳ משה האט געבייגט זיין קאפ צו הערן די פרוי׳ס ווערטער.

״גוט שבת... גוט שבת...״ האט זי געזאגט. ר׳ משה איז געווארן איבערראשט צו זען אז יענע פרוי איז געווען א איד! ר׳ משה מיט דער חולה האבן זיך געפרייט צו טרעפן נאך א איד אין דעם שפיטאל. דער חולה האט געזאגט שטילערהייט פאר ר׳ משה אז ער זאל אראפברענגען פונעם שטוב דעם מיץ ענבים צו מאכן קידוש פאר די אידישע פרוי. ר׳ משה מיט דעם חולה האבן זיך פארגעשטעלט אז די פרוי האט נישט יוצא געווען דעם חיוב פון קידוש די נאכט. ר׳ משה האט מסכים געווען צו גיין ברענגען קידוש, און ער איז געגאנגען עס ברענגען פון זייער שטוב, 19 שטאקען העכער!

עס איז אבער געווען א פראבלעם. די איינציגסטע וועג ארויף צו די העכערע שטאקען איז געווען דורך אן עלעוועיטאר און עס איז געווען שבת קודש. (אויפן וועג אראפ צו מאכן די עקס רעיס, האט ער געמעגט באגלייטן דעם חולה מיט די צוויי גויאישע ארבעטערס אויפן עלעוועיטאר. אבער יעצט האט ער נישט געהאט דעם התר.) ר׳ משה האט אבער געטראפן אן עצה, ארויפשטייגן אויף די פייער ארויסגאנג טרעפן אויפן זייט פונעם בנין. ר׳ משה האט אזוי שטארק געוואלט מוציא זיין די אידישע פרוי דעם חיוב פון הערן קידוש אז ער האט מיט מסירות נפש ארויפגעשטיגען אויף די סכנה׳דיגע שטיגן אין די קעלט פון דעם ניו יארק ווינטער.

ווען ער איז אנגעקומען צו דעם זיבצענטען שטאק, האט ער געוואלט עפענען די טיר אריינצוגיין אבער עס איז געווען פארשפארט! ר׳ משה האט געציטערט אין די קעלט נישט וויסן וואס צו טון יעצט. ער האט ארויפגעשיקט א תפילה צום אייבערשטען און געבעטן אז אין די זכות פון זיכוי הרבים זאל געעפענט ווערן די טיר. פלוצלינג האט די טיר זיך געעפענט! הפלא ופלא! איינער האט געעפענט די טיר צום פייער ארויסגאנג שטיגן בטעות!

באלד דערנאך איז ער צוריקגעקומען אינטען צו דעם שטוב וואו דער חולה און די פרוי האבן געווארט. ער האט גערעדט מיט דער פרוי אויף אידיש, זאגנדיג, ״איך בין געקומען צו מאכן קידוש פאר דיר.״ די אלטע פרוי האט געהערט ווי ר׳ משה מאכט קידוש, און זי האט געענפערט מיט שטארקע ״אמן׳ס.״

ר׳ משה האט קיינמאל נישט ערווארט צו הערן אזא שטארקן ״אמן״ פון אזא אלטע שוואכע פרוי. ר׳ משה האט געבייגט זיין קאפ צו קענען הערן וואס די פרוי רעדט. ״פופציג יאר זענען בייגעגאנגען זייט איך האב געהערט קידוש...״ מיט אירע לעצטע כוחות, האט זי דערציילט ווי זי איז געבוירן אין פוילען און ווי אזוי זי האט זיך באהאלטן מיט גוים דורך די מלחמה. זי איז געווען א ריכטיגע תינוק שנשבה. נאכדעם איז זי געקומען וואוינען אין אמעריקע. אין די אלע יארן האט זי נעבאך נישט האט קיין שייכות מיט אידישקייט. נאכדעם האט זי געזאגט, ״עס איז שוין פופציג יאר זייט איך האב געענפערט אמן!״

ר׳ משה איז איבערגענומען געווארן מיט א שמחה של מצוה. ער איז ווייטער נתפעל געווארן צו הערן א שעה שפעטער אז יענע פרוי איז נעבאך נסתלק געווארן. ״העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן!״ איינער וואס ענטפערט אמן מיט אלע זיינע כוחות, עפענט מען אויף פאר אים די טירן פון גן עדן!״ (שבת קיט:)

דערציילט די הייליגע תורה ווי די הייליגע שכינה האט שורה געווען אויפ׳ן משכן. עס שטייט אין פסוק אז די שכינה האט גערוהט אויפ׳ן משכן ״...לעיני כל בית ישראל בכל מסעיהם.״ – פאר די אויגען פון גאנץ בית ישראל דורך אלע זייערע רייזעס. (שמות מ,לח) ״בכל מסעיהם״, מיינט אפשר די פסוק צו זאגן אז וואו נאר מיר זאלן זיין אין טינקעלע גלות, וועט די הייליגע שכינה באגלייטן אונז – ״בכל מסעיהם״, ד״ה, אין אלע אונזערע גלויות. מען זעט דאס אין אונזערע מעשה, וואס ווייזט אויף א מורא׳דיגע אופן ווי די שכינה באגלייט יעדען איד. גוט שבת אלע אידן.

**מזל טוב לא״מ ר׳ טובי׳ וואלפבערג שליט״א ולחותני ר׳ יוסף פרץ הלוי ביללער שליט״א לרגל שמחת לידת נכדם**

**דער עולם ווערט גערופן צו קומען צום וואכנאכט אוש״ק 40 Hilltop Place (corner Remsen), Monsey**

ברכת מזל טוב חמה ולבבות לידידינו מתתי׳ – יתן ברכה מהשי״ת שיזכה לגדלו ולחנכו לתוי״ש ולחסידות – המאחלים טובתו בלב ובנפש
הרה״ג רב יוחנן וואזנער שליט״א ראב״ד חסידי סקווירא מאנטריאל ומחותנו מוה״ר ר׳ יודא ליכטער שליט״א

גליון זה נתנדב על ידי ר׳ יעקב שפירא הי״ו, ר׳ וועלוול שמעלצער הי״ו, ר׳ חיים יעקב צבי גרויס הי״ו, ר׳ יעקב יוסף בייער הי״ו ואחיו ר׳ אברהם דוב הי״ו, ר׳ יודא הירש געלבמאן הי״ו, ר׳ משה טאמבער הי״ו לרגל שמחת לידת בנו של המוציא לאור גליון זה

מזל טוב לחתן יהודה יחיאל ישראל נ״י לרגל שמחת נשואין שלו בשעטומ״צ

נתרם לרפו״ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח״י

לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה, לע״נ עמרם בן שמעון ע״ה, לע״נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע״ה

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845) כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)